# Translation
איבערזעצונג

FROM THE NEW YIDDISH LIBRARY

# When All is Said and Done

## *(Nokh alemen)*

### by David Bergelson

Edited and translated, with an introduction, by Joseph Sherman

**DAVID BERGELSON** (1884-1952) is the most significant modernist writer in Yiddish prose fiction. A younger contemporary of the so-called classical founders of modern Yiddish literature – Mendele, Sholem Aleichem, and Peretz – Bergelson produced fiction fundamentally different from theirs in both conception and execution. It is the Jewish *nouveaux riches* that Bergelson knows best, and on whom his authorial gaze fastens most closely. Bergelson's Jews, no longer exclusively Yiddish-speaking provincials, move to and from Russia's great metropolises, attracted by growing industrialization and enlarged opportunities. Their upward mobility and new self-awareness are marked by their preference for Russian over Yiddish as a linguistic signifier of their modernity.



Artistically, all Bergelson's writing before World War I is dominated by the concerns of European modernism: skepticism of all ideological systems, distress at the hollowness of society, perplexity about the function of art, and a quest for individualistic new forms. In these respects his work flowed in the mainstream of contemporary international literary trends, but it marked a sweeping departure from the conventions hitherto established for modern Yiddish prose fiction.

*Nokh alemen* (*When All Is Said and Done*, 1913) is widely regarded as Bergelson's masterpiece. It is the most radically modernist work of fiction in Yiddish.

Set in the shtetlekh near Kiev in the Ukraine, *Nokh alemen* dramatizes the decay of traditional Jewish life at the turn of the nineteenth century. The novel's tone is somber, its narrative sensitively impressionistic, and its delineation of character acutely psychological. Its plot intermittently traces the decline in fortunes of Reb Gedalye Hurvits, a refined, rich, and learned Jew whose wealth and influence are disintegrating in a world being rapidly taken over by gross, aggressive businessmen. The novel focuses primarily on the fate of Reb Gedalye's highly intelligent, educated, and beautiful daughter Mirl, who cannot adjust to a chaotic society governed by coarseness and cupidity, and who finds herself set starkly adrift in a world in which nothing seems to make sense to her.

Mirl's impulses and moods hasten her disintegration. She breaks off her engagement to a young man deeply in love with her, but continues to interest herself in the affairs of his family; she starts a relationship with a lame young man but she treats him shabbily; though she has a high regard for her father, she is unable to get along with her conventional and silently accusing mother. Throughout, though painfully aware of the extent to which her conduct hurts and distresses those closest to her, she is unable to understand what makes her behave in the way she does.

After much hesitation, Mirl agrees to marry the son of a rich man in order to bolster her father's precarious financial position, but she almost immediately realizes that this has been a disastrous mistake. At the celebration of her betrothal, repelled by her fiancé and his drunken father, she rushes away and locks herself in her room. Yet she goes ahead with a marriage that is doomed before it begins, and inevitably the condition of being married becomes a daily torture for her, intensifying her misery and boredom and frightening her with its repetitive rounds of banality and shallowness. Her suffering is exacerbated by the uncouth, materialistic expostulations and boorish conduct of her mother-in-law. Unable to enjoy conjugal relations with her husband, desperate for some form of release, she contemplates suicide. A frantic return visit to her parents' home only deepens her depression. Finding herself unexpectedly pregnant, she demands and receives a divorce from her husband, insists on undergoing an abortion, and then seemingly disappears, leaving everyone and everything behind her, with no one knowing where she has gone.

Mirl Hurvits is the first woman in Yiddish literature to act in a thoroughly modern manner, completely at variance with the

behavior traditionally expected of a daughter of a pious Jewish home. She is a determinedly independent individual, emancipated from, yet subconsciously fettered to, her past. Her refinement and intellectual sensitivity, sharpened by her awareness of her descent from generations of devout and scholarly ancestors, keep her from acquiescing either in the coarseness and shallowness of her contemporaries or in feeling at home in the world they occupy and offensively shape in their own image.

Since no man is able to please her, Mirl's treatment of men in general is harsh and unmerited. She is especially cruel to her husband, who, though foolish and inept, is fundamentally good and well-intentioned. Like her father, Mirl has neither the strength nor the will to compromise for the sake of survival or to make amends for the wrongs she has done; instead she permits herself to drift into spiritual and emotional limbo from which there is no escape. Her failure to adjust to a world that seems bereft of all meaning and purpose embodies the despair and demoralization of a generation of young Russian Jews after the failure of the 1905 revolution.

All of Bergelson's central characters in *Nokh alemen,* as in all his work of the immediately preceding period, experience some kind of confrontation with the "void," the consciousness of their own powerlessness in the face of a chaotic universe. Mirl's apparently hopeless search for meaning in life, and her failure to find a place for herself in the world, become metaphors for the decline of her social class. This portrayal of Jewish society at the turn of the nineteenth century, when industrialization and capitalism were overturning traditional social structures, is an important aspect of the novel. The vision of Mirl as the last child of a dying aristocratic family who cannot bring herself to accept a husband from among the loutish *nouveaux riches* sets up a concrete background against which the novel explores its central theme, the heroine's existential confrontation with the meaninglessness of life. This theme foreshadows the definition of "absurd" existence that became the dominating concern of so much late-twentieth-century fiction and drama.

*Nokh alemen* redefined the artistic basis of the Yiddish novel by offering a stylistically unified vision of an alienated and disordered reality. The book's essential modernity lies in the tension between the heroine's slow, painful movement, through muddled perception and confused emotion, to acceptance of the meaninglessness of existence. Bergelson's stylistic mastery delineates this journey through perfect formal order and aesthetic balance, in which the very syntax of the sentences reflects aspects of the novel's theme. As a result, *Nokh alemen* speaks as clearly and dramatically to the world today as it did when it first changed the shape of modern Yiddish literature.

***Portrait lyrique*** **from** ***Issacher Ber Ryback, zayn lebn un shafn.*** **Paris, 1933.**



# When All is Said and Done

David Bergelson

Part 2: Chapter 1

Reb Gedalye Hurvits's business affairs plunged into ever greater confusion, and an ill-concealed disquiet now fell upon this preoccupied Torah scholar, and upon his entire aristocratically reserved, well-to-do household.

Now Reb Gedalye and his worldly cousin, who was also his cashier and closest intimate, spent nights on end conferring in secret. Thus deliberating, both sat up all night in a private room and, unaware of the passing of the third watch, at length threw back a shutter, opened a window, and noticed:

The dark beginning of the Elul day approaching silently and sadly from the northeast corner of the sky, slowly but steadily drawing closer and driving away, like a mute, the last moments of the pale, lingering night. All around, everything had now turned gray; cows still enclosed within the courtyards of households yet asleep now lowed longingly for their confined calves and for the damp grass on the fields; and in various corners of the shtetl and of the surrounding gentile village, cocks now awakened for the third time. They crowed from close by and from further away, one interrupting the other in uttering the first protracted blessing for the coming of day:

– *Ku-ku-ru-ku-u!*

His intimate, the considerate and deeply devoted cashier, was still lost in thought, slowly tapping his nose with a finger and, as always, the now perpetually distracted Reb Gedalye bombarded him with new, wide-ranging plans, continually leaning ever closer to his pondering cashier as though he wished to draw him over to his own side of his gold-rimmed spectacles and hurriedly demand of him:

– What? Not so?

At this time, his soft Galician accent was more than commonly apparent in his speech and, seated as he was, he threw the entire top half of his body forward every time a person called on him at home, as though someone had suddenly pressed an electric button concealed behind him on his shoulder blades, abruptly compelling him to honor his guest with a bow and the sudden articulation of the few customary words:

– Please sit down, dear sir!

All were equally afraid of some menace and terrified that it might burst into the house at any moment; they continued in this fearful state until late into the winter when, in consequence of some foolishness, these business affairs became even further entangled, and disturbing rumors could be heard over virtually the entire district:

A rumor involving Reb Gedalye Hurvits's long-standing enemy in the provincial capital, who had made an accusation against him in the bank there.

A rumor involving the old director of the very same bank, a consistently good friend to Hurvits, who personally served notice that all should be strictly on their guard and should no longer grant him a single kopeck's credit.

Far too often at this time, Reb Gedalye hurried off to the provincial capital in his own buggy.

For the most part he traveled there on Sundays, almost always returned just before the lighting of the Sabbath candles on Friday evenings, rushed into the house in great haste and noticed:

His wife, Gitele, wearing her black silk jacket, the ritual wig she reserved for the Sabbath, and her diamond earrings, already seated near the silver candlesticks and the covered Sabbath loaves on the table spread with its fresh white cloth; she was examining her red, freshly scrubbed fingernails and waiting until the first little fire of Friday evening should be kindled in the window of the rabbi's house in the row of whitewashed dwellings on the opposite side of the street.

Then, as had become habitual, Reb Gedalye was intensely busy and preoccupied; he rapidly drank tea from a saucer at this very table and failed to notice that the peak of his silk cap was slightly askew. Between one gulp and another, he rapidly responded to Gitele's enquiries:

– He had hurried off to that member of the board who was, according to what the director had told him, the most important.

– From that board member he had hurried back to the director…

– To all intents and purposes he had now persuaded both of them… Now there remained only the third member, an old general, and the fourth, a Polish nobleman…With God's help he'd win their support this coming week… There was no doubt that he'd win it.

By no means downhearted, he had great confidence; preoccupied as he was, he had nevertheless remembered to bring presents home with him and on one occasion he even

# נאָך אַלעמען

## דוד בערגעלסאָן

געפּלאָנטערט האָבן זיך אַלץ מער און מער ר׳ גדליה הורוויצעס געשעפֿטן, און אַ באַהאַלטענע אומרו־קייט איז שוין געפֿאַלן אויף אים, דעם צעטראָגענעם בן־תּורה, און אויף זײַן גאַנצער ייִחוסדיק שטילער, נגידישער שטוב.

ווען עפּעס האָבן זיי זיך שוין גאַנצע נעכט געסודעט, ר׳ גדליה מיטן וועלטלעכן געשוועסטערקינד, דעם קאַסיר און גרויסן מקרובֿ זײַנעם. סודענדיק זיך, איז מען אַזוי ביידע אין אַ באַזונדער חדר די גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן און די דריטע אַשמורה נישט באַמערקט, געעפֿנט צולעצט אַ לאָדן מיט אַ פֿענצטער און דערזען:

פֿון צפֿון־מיזרחדיקן הימל־ווינקל קומט שטיל און טרויעריק דער טונקעלער אָנהייב פֿונעם אלולדיקן טאָג, רוקט זיך אַהער פּאַמעלעך־פּאַמעלעך און טרײַבט פֿון דאַנען, ווי אַ שטומער, די לעצטע רגעים פֿון דער בלאַסער, פֿאַרשפּעטיקטער נאַכט. אַרום איז שוין אַלץ גרוי; בהמות, וואָס געפֿינען זיך נאָך אין די פֿאַרשלאָפֿענע באַלעבאַטישע הויפֿן, שרײַען שוין מיט אַזאַ בענקשאַפֿט צו זייערע פֿאַרשפּאַרטע קעלבלעך און צו דעם נאַסן גראָז, וואָס אין פֿעלד, און הענער דערוואַכן שוין צום דריטן מאָל אין פֿאַרשיידענע ווינקלען, וואָס אין שטעטל, און אין אַרומיקן גוייִשן דאָרף. זיי שרײַען פֿון נאָענט און פֿון ווײַט און כאַפּן אויס איינער בײַם צווייטן די ערשטע אויסגעצויגענע טאָג־ברכה:

„קו־קו־רו־קו־ו!"

דער באַטראַכטער און שטאַרק איבערגעגעבענער קאַסיר, דער קרובֿ, האָט זיך דענסטמאָל נאָך אַלץ פֿאַרקלערט און פּאַמעלעך מיט אַ פֿינגער אין נאָז געקלאַפּט, און דער תּמיד צעטראָגענער ר׳ גדליה האָט פֿאַר אים, ווי אַלע מאָל, מיט נײַע, ברייטע פּלענער געשאָטן און זיך אַלע מאָל אַזוי נאָענט צו אים, דעם פֿאַרקלערטן קאַסיר, צוגעבויגן, גלײַך ווי ער וואָלט אים פֿון דער זײַט גאָלדענע ברילן וועלן אַריבערנעמען, און בײַ אים געשווינט פֿרעגן:

„וואָס? נישט אַזוי?"

מער ווי שטענדיק האָט זיך שוין אין יענער צײַט באַנוצט מיט זײַן ווייכער גאַליציאַנישער אויסשפּראַך און, זיצנדיק, זיך מיט זײַן גאַנצן אייבערשטן האַלבן גוף אַ וואָרף געטאָן פֿאָרויס, יעדעס מאָל, ווען אַ מענטש איז צו אים אין שטוב אַרײַנגעקומען: גלײַך ווי עמעצער וואָלט דענסטמאָל פּלוצעם אַ דריק געטאָן עפּעס אַ פֿאַרהוילן עלעקטריש קנעפּל, וואָס פֿון הינטן, אויף זײַנע פּלייצעס, און וואָלט אים נייטן, ער זאָל זיך מיט אַ מאָל צוליבן כּבֿוד פֿונעם גאַסט אַ נויג טאָן און זאָל מיט אַ מאָל פֿון זיך אויסשיסן די פּאָר געוויינלעכע ווערטער:

„זיצט, ר׳ ייִדי!"

פֿאַר עפּעס אַ סכּנה האָט מען זיך דאָרטן אַלע צוזאַמען געשראָקן און מורא געהאַט זי זאָל אין יעדער רגע אין שטוב נישט אַרײַנקומען; מורא געהאַט, האָט מען אַזוי ביז שפּעט צו ווינטער צו, ווען איבער אַ נאַרישקייט האָבן זיך די געשעפֿטן נאָך מער פֿאַרדרייט, און צעטראָגענע מעשׂהלעך האָבן זיך כּמעט איבער דער גאַנצער געגנט געלאָזט הערן:

אַ מעשׂה מיט ר׳ גדליה הורוויצעס אַ לאַנגאָנעדיקן שׂונא פֿון קרײַזשטאָט, וואַס האָט דאָרטן אין באַנק דעם אמתן קנייטל פֿאַר אים געלייגט.

אַ מעשׂה מיטן אַלטן דירעקטאָר פֿון אָט דער זילבער באַנק, הורוויצעס אַ שטענדיקן גוטן־פֿרײַנד, וואָס האָט אַליין אָנגעזאָגט, מ׳זאָל זײַן זהיר־ווזהיר און מ׳זאָל אים מער קיין קאָפּיקע קרעדיט נישט געבן.

צו אָפֿט איז שוין דענסטמאָל ר׳ גדליה מיט זײַן אייגענער פֿור אין קרײַזשטאָט געלאָפֿן.

פֿאָרן האָט ער זיך אַהין געלאָזט ס׳רובֿ נאָך אויף זונטאָג, אומגעקערט האָט ער זיך פֿון דאָרטן כּמעט אַלע מאָל אָקערשט פֿרײַטאָג פֿאַר ליכטבענטשן, אַרײַנגעלאָפֿן מיט אײַלעניש אין שטוב און דערזען:

אינעם שוואַרצן זײַדענעם קאַפּטל, אינעם שבתדיקן פּאַריק מיט די ברילי־אַנטענע אוירינגלעך זיצט שוין גיטעלע, דאָס ווײַב זײַנס בײַ די זילבערנע לײַכטער, וואָס אויפֿן ווײַס־געשפּרייטן טיש מיט די צוגעדעקטע חלות; זי קוקט אויף די רויטע, נישט לאַנג אויסגעזייפֿטע נעגל און וואַרט, אַז אין דער קאַלכיקער שורה הײַזער, וואָס קעגנאיבער דעם וועג, זאָל זיך בײַם רבֿ אין פֿענצטער דאָס ערשטע פֿרײַטאָג־צו־נאַכטיקע פֿײַערל אָנצינדן.

ר׳ גדליה איז דענסטמאָל, ווי שטענדיק, געווען שטאַרק באַשעפֿטיקט און צעטראָגן, געטרונקען אויף גיך בײַ אָט דעם טיש טיי פֿון דער שאָל און נישט באַמערקט, אַז דער דאַשעק פֿון זײַן זײַדן היטל שטייט בײַ אים אַ ביסל אין אַ זײַט. צווישן איין שלונג און צווייטן האָט ער געשווינט אויף גיטעלעס אָנפֿרעגן געענטפֿערט:

„איז ער אַוועקגעלאָפֿן צו יענעם ׳טשליען׳, וואָס אויף אים האָט דער דירעקטאָר אים געזאָגט, אַז ער איז דער עיקר".

„איז ער פֿון יענעם ׳טשליען׳ אַוועקגעלאָפֿן צוריק צום דירעקטאָר..."

„האָט ער שוין דווקא בײַ זייביידן געפּועלט... נאָר דער דריטער ׳טשליען׳, אַן אַלטער גענעראַל איז ער, און דער פֿערטער, אַ פּאָליאַק... אַ מאַגנאַט, צו זיי וועט ער, מיט גאָטס הילף, די קומענדיקע וואָך קריגן פּראָטעקציעס... געוויס וועט ער קריגן".

ער איז בכלל נישט געווען בײַ זיך געפֿאַלן און געהאַט גרויס בטחון; צעטראָגנערהייט האָט ער נאָך אין זינען

made a witty remark about the new silk cap he had brought with him from the provincial capital. At the time, Gitele was deeply dissatisfied with this cap.

– How could he pick out a cap for himself, she protested, without noticing that it fell down to his ears?

Preoccupied as he was, nothing more than his strained, sharply etched nose seemed to smile in response then:

– Did Gitele really believe that his head was in the provincial capital just then? At that time, his head had been at home.

And presently he threw on his Sabbath overcoat and rushed away to welcome the Sabbath at the old Sadgora prayer house where, after the service, on either side of his reserved seat at the eastern wall, a few observant, wealthy young men kept their places awhile, looked at him with eyes filled with high regard and feline gratitude, and were prepared at any moment to wish him all the joys of the World to Come because he had tallied up his accounts honestly and had repaid what he owed them in good time.

Of course they were good friends to him, these few observant, wealthy young men in their silk capotes, but because their money was so precious to them, and because they felt so guilty at having been afraid to trust Hurvits, now, walking home, they were mournfully silent and often, quite suddenly and apropos of nothing, remarked to one or another:

– After all, he's a decent man, Reb Gedalye, eh? Altogether a thoroughly decent man.

◆ ◆ ◆

Meanwhile in town people were intensely curious and wanted to know how it would end:

Would Reb Gedalye manage to extricate himself or not?

Widespread interest was taken in the matter at this time, and it was very widely and very frequently discussed.

The only person unwilling to discuss it was Mirele, his only child, that highly strung, well-educated, slender creature who during that period, on account of love for her father or of love for herself, would leave the house for whole days at a time.

Currently she was too distracted and volatile, and behaved with excessive harshness, even towards the crippled student Lipkis who for her sake had not attended his courses at the university that year and who limpingly followed her around everywhere. Walking by his side for hours on end, she was quite capable of forgetting that he was still alive and would suddenly turn to stare at him with so strange an expression of astonishment as though she was unable to believe what she saw and could not understand:

> …they looked odd in the chill, distant air between the dirty heavens and the snow-white earth, two people wandering in silence across the vast encircling fields and rarely speaking to each other. The silence of bereavement was all around them, from a solitary peasant hut under a white-blanketed roof right down to a frozen stream somewhere in a nearby valley…

– Just look! That Lipkis was still walking at her side! And she'd imagined that he'd gone home long ago.

And when she did indeed turn round to look at him, she couldn't stop herself from hurting him with a sharp remark:

– Lipkis, why do your moustaches grow so oddly? They never grow so oddly on anyone else.

Or:

– Generally speaking, you're not bad looking, Lipkis, but when one studies you closely, you look fearfully like a Japanese.

At such times he felt inordinately ill at ease next to her and had nothing to say; he thought long and hard about the fact that she kept silent, and many times decided that it was needful to say something encouraging to her about her father's situation and about the brouhaha that had erupted in their home, and on one occasion he finally began stammeringly:

– He understood very well that in the first instance, so to

געהאַט מתּנות אַהיים צו ברענגען, און אַפֿילו איין מאָל אַ שפּיציק ווערטל געזאָגט וועגן דעם נײַעם ײַדענעם היטל, וואָס ער האָט זיך אַליין פֿון קרײַזשטאָט געבראַכט. גיטעלע איז דענסטמאָל מיט אָט דעם היטל אַזוי נישט צופֿרידן געווען.

„ער קלײַבט זיך אַליין צו אַ היטל, האָט זי געטענהט, און באַמערקט נישט, אַז ס׳פֿאַלט אים אַריבער ביז די אויערן?“

און בײַ אים, דעם צעטראָגענעם קאָפּ, האָט דענסטמאָל אַ שמייכל געטאָן נישט מער, ווי די אָנגעשטרענגטע שפּיציקע נאָז:

„גיטעלע מיינט, אַז דער קאָפּ איז בײַ אים דענסטמאָל געווען אין קרײַזשטאָט? דער קאָפּ איז בײַ אים דענסטמאָל געווען אין דער היים“.

און באַלד האָט ער אויף זיך דאָס שבתדיקע אייבערשט געכאַפּט און איז אַוועקגעלאָפֿן מקבל־שבת זײַן אין יענער אַלטער סאַדעגערער קלויז, ווּ אין ביידע זײַטן פֿון זײַן מיזרחדיקער שטאָט זענען נאָכן דאַווענען אַ פּאָר ערלעכע גבֿירים־יונגעלײַט נאָך אַ ווײַלע אויף זייערע ערטער געזעסן, געקוקט אויף אים מיט בכּבֿודיקע און קעצנדאַנקבאַרע אויגן, און זענען אין יעדער רגע גרייט געווען צו ווינטשן אים עולם־הבא דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך מיט זיי אָרנטלעך צערעכנט און האָט זיי בײַ צײַטנס זייערע חובֿות אָפּגעצאָלט.

זיי זענען אים אַוודאי געווען גוטע־פֿרײַנד, אָט די פּאָר ערלעכע גבֿירים־יונגעלײַט, וואָס אין די ײַדענע קאַפּאָטעס, נאָר זייער געלט איז געווען בײַ זיי אַזוי טײַער, און שולדיק האָבן זיי זיך אַזוי געפֿילט, פֿאַר וואָס זיי האָבן דאָס אים, הורוויצן, מורא געהאַט צו געטרויען; זײַנען זיי שוין, גייענדיק אַהיים, געווען אַזעלכע שווײַגנדיק טרויעריקע און אָפּט פּלוצעם און נישט צו דער זאַך צו עמעצטן אַ זאָג געטאָן:

„פֿאָרט אַ לײַטישער מענטש, ר׳ גדליה, אַ? גאָר, גאָר אַ לײַטישער מענטש“.

◆ ◆ ◆

אין שטאָט איז מען דעווײַל שטאַרק נײַגעריק געווען און געוואָלט וויסן דעם סוף:

ער וועט זיך אַ מאָל אויסדרייען, ר׳ גדליה, צי ניין?

אַזוי פֿיל האָט מען שוין דענסטמאָל מיט דעם צו טאָן געהאַט און אַזוי אָפֿט האָט מען שוין וועגן דעם דענסטמאָל גערעדט.

נישט געוואָלט האָט נאָר וועגן דעם רעדן מירעלע, די בת־יחידה זײַנע, אָט די ציטעריק דערצויגענע שלאַנק ווּקסיקע באַשעפֿעניש, וועלכע פֿלעגט שוין דענסטמאָל מחמת ליבע צום פֿאָטער, צי מחמת ליבע צו זיך אַליין, אויף אַ גאַנצן טאָג פֿון שטוב אַוועקגיין.

צו פֿיל פֿאַרקלערט און קאַפּריזנע איז זי שוין דענסטמאָל געווען, און צו פֿיל שטרענג האָט זי זיך שוין דענסטמאָל געפֿירט אַפֿילו מיטן קרומען סטודענט ליפּקיסן, וועלכער איז צוליב איר דעם יאָר אין אוניווערסיטעט נישט געפֿאָרן און איז איר אומעטום הינקעדיקערהייט נאָכגעגאַנגען. גאַנצע שעהן האָט זי, גייענדיק לעבן אים, געקענט פֿאַרגעסן, אַז ער לעבט נאָך אויף דער וועלט, זיך פּלוצעם אויף אים אומגעקוקט און באַקומען אַזאַ מאָדנע דערשטוינט פּנים, גלײַך ווי זי וואָלט זיך שטאַרק וווּנדערן און וואָלט נישט פֿאַרשטאַנען:

„זע נאָר?! ער גייט נאָך אַלץ לעבן איר, ליפּקיס!“ און זי האָט געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג בײַ זיך אין דער היים.

און ווען זי האָט זיך שוין יאָ אַ מאָל אויף אים אומגעקוקט, האָט זי אים געמוזט נישט אַנדערש, ווי מיט עפּעס אַ וואָרט אָנרירן:

„ליפּקיס, פֿאַר וואָס וואַקסן בײַ אײַך אַזוי מאָדנע די וואָנצעס? בײַ קיין שום מענטשן וואַקסן זיי נישט אַזוי מאָדנע, ווי בײַ אײַך“

אָדער:

„אין אַלגעמיין זעט איר נישקשהדיק אויס, ליפּקיס, נאָר ווען מ׳קוקט זיך גוט צו אײַך צו, זעט איר מוראדיק ענלעך אויף אַ יאַפּאָניעץ“.

ער האָט זיך טאַקע אין יענער צײַט געפֿילט לעבן איר מוראדיק שלעכט און קיין דיבורים אין מויל נישט געהאַט; האָט געטראַכט לאַנג וועגן דעם, וואָס זי שווײַגט, געקומען פֿיל מאָל צום באַשלוס, אַז ס׳איז נייטיק איר צו זאָגן עפּעס אַ גוט וואָרט וועגן איר פֿאָטערס לאַגע און וועגן דער קאָכעניש, וואָס קומט פֿאָר בײַ זיי אין שטוב, און צו לעצט איין מאָל צו שטאַמלען אָנגעהויבן:

„פֿאַרשטייט ער, הייסט עס, גאַנץ גוט, אַז ׳אומגליק׳ הענגט אָן ראשית־כּל נישט אָן ׳געלט׳. און דאָך... ער ווייסט נישט, פֿאַר וואָס דאָס איז: יעדעס מאָל, וואָס ער קומט די לעצטע צײַט אַרײַן צו זיי אין שטוב און דערזעט דאָרטן דעם פֿאָטער אירן, ווײַזט זיך אים אויס, אַז ס׳קומט פֿאָר אַרום אים אַ טראַגעדיע“.

נאָר מירעלע האָט זיך דענסטמאָל אַפֿילו צו אים מיטן פּנים נישט אומגעדרייט, געקוקט שווײַגנדיק מיט די בלויע אויגן אַהין, ווּ ס׳איז פֿאַרגאַנגען די זון, און געזאָגט אַזוי גלײַכגילטיק און קאַלט:

„נו, אַנטלײַט אים צוועלף טויזנט רובל, וועט ער זיך אויסדרייען“.

און ווידער האָט זי מיטן טרויער, וואָס אין אירע בלויע אויגן, שווײַגנדיק געקוקט אַהין, ווּ ס׳האָט זיך געזעצט די זון.

ס׳איז געווען מאָדנע: אָט די ציטעריק דערצויגענע באַשעפֿעניש האָט אַפֿילו געוווּסט, וויפֿל ס׳גייט אָפּ דעם פֿאָטער אירן, אויף צו ראַטעווען זיך. מעגלעך, זי האָט אויך געוווּסט, אַז ווען זי לאָזט דעם שידוך מיט וועלוול בורנעס נישט אָפּ, וואָלט אים זײַן פֿאָטער אַבֿרהם־משה גרינג אָט די

speak, unhappiness didn't derive from money, and yet… . He didn't know why this was so: every time he'd called on them at home recently and had seen her father there, it seemed to him that a tragedy was taking place around him.

But that time Mirele did not even turn to glance at him, silently fixed her blue eyes in the distance where the sun was setting, and remarked so indifferently and coldly:

– Well, lend him twelve thousand rubles and he'll free himself from his difficulties.

And once again, with grief in her blue eyes, she stared silently ahead, where the sun was setting.

It was odd: this highly strung, well-educated creature even knew exactly how much her father lacked in order to save himself. Quite possibly she knew also that had she not broken off her engagement to Velvl Burnes, his father Avrom-Moyshe would readily have supplied this sum. It was quite possible that she had given this matter much thought, and as a result had now so lightly and simply uttered the words:

– Well, lend him twelve thousand rubles and he'll free himself from his difficulties.

And quite suddenly these words reminded the crippled student Lipkis of his widowed mother whom he and his elder brother supported, and of the old overcoat that she'd carried out after him that time when, traveling to the provincial capital with Mirele, he had in great haste hobbled out to the conveyance in which she was waiting for him.

At the time it seemed that Mirl, seated on the phaeton, had smiled and glanced aside.

Why had she glanced aside then? Was it because at that moment her former fiancé had come driving up from town in his trap? Or merely because, in the oven every Sabbath, his mother wrapped the *tsholnt* in that same old overcoat?

But in reality this spoilt and self-centered young woman was incapable of thinking seriously about anyone at all who lived outside the confines of an only child's diminutive soul.

Lipkis only began to understand this clearly some time later and subsequently even reproached her for it in the many letters he did not send her.

– On the whole, he protested in one of these unsent letters, was her egoistic little heart at all capable of empathizing with the predicament of her own hard-pressed father, distracted by misfortune as he was, whom she, an adult woman, had felt no embarrassment in kissing before a room full of people?

◆ ◆ ◆

Now the moderately cold air froze into unhearing silence, and the first snows settled over the dispirited shtetl and over the vacant, wintry district all around.

Now, unable any longer to confine herself to her father's house even for a single minute, she wandered aimlessly about over the surrounding windswept fields as long as the short periods of daylight lasted, leaving behind everywhere signs of her footprints and those of Lipkis. At such times they looked odd in the chill, distant air between the dirty heavens and the snow-white earth, two people wandering in silence across the vast encircling fields and rarely speaking to each other. The silence of bereavement was all around them, from a solitary peasant hut under a white-blanketed roof right down to a frozen stream somewhere in a nearby valley; dozing here and there in scattered corners of the horizon, those whitened coppices that had buried themselves deep, so deep in the snow, appeared unfamiliar and pristine from where they stood, and deceived the eye of anyone who might on a rare occasion pass through on a swiftly moving sleigh:

– Just look! The little oak coppices should be there, shouldn't they?

No one noticed that by then she was on familiar terms with Lipkis and had started addressing him by his first name.

– Normally, Mirl remarked to him on one occasion, meandering aimlessly over these windswept fields, – she did not even begin to love him, but at times, for no reason, she felt pleased that he was walking by her side. Did Lipkis understand this?

And biting her lower lip, she began filliping his nose so that he might understand this and so obliged him to start grinning foolishly.

At this point, the sorrow in her blue eyes intensified, and from time to time it would gaze out with a melancholy gleam; then she would stare pensively into the partially blurred winter distance for a long, long time, and unpredictably pose bizarre questions:

– Lipkis, can you hear the way the world keeps silent?

Lipkis felt that he ought to say something about this silent world, made drawn-out preparations in his throat and with his shoulders, and finally began:

– Yes, it would hardly be inappropriate if the two of them were to set off across these fields and never turn back again.

And paying not the slightest attention to what he said,

סומע געגעבן. מעגלעך, אַז זי האָט פֿיל וועגן דעם געטראַכט, און אַז דערפֿאַר האָט זי שוין אַזוי גרינג און פּשוט די ווערטער אַרויסגעזאָגט:

„נו, אַנטלײַט אים צוועלף טויזנט רובל, וועט ער זיך אויסדרייען”.

און ער, דער קרומער סטודענט ליפּקיס, האָט זיך איבער אָט די ווערטער פּלוצעם דערמאָנט אָן דער מוטער זײַנער, דער אַלמנה, וואָס ער מיטן עלטערן ברודער האָבן איר געגעבן אויף צו לעבן, און אָן דעם אַלטן פּאַלטאָ, וואָס זי האָט אים נאָכגעטראָגן דענסטמאָל, ווען, פֿאָרנדיק מיט מירעלען אין קרײַזשטאָט, האָט ער אין אײַלעניש געהונקען צו דער פֿור, וואָס אויף איר האָט זי אויף אים געוואַרט.

מירל האָט, דוכט זיך, דענסטמאָל, זיצנדיק אויפֿן פֿאַעטאָן, געשמייכלט און אין אַ צווייטער זײַט געקוקט.

פֿאַר וואָס האָט זי דענסטמאָל אין אַ צווייטער זײַט געקוקט? דערפֿאַר, וואָס פֿון דער שטאָט איז דענסטמאָל איר געוועזענער חתן אויף זײַן פֿור אָנגעפֿאָרן? צי גאָר דערפֿאַר, וואָס מיט אָט דעם אַלטן פּאַלטאָ האָט די מאַמע זײַנע אַלע שבת אין אויוון דעם טשאָלנט אײַנגעדעקט?

נאָר אייגנטלעך איז דאָך אָט דאָס געפּיעסטעטע און אייגנזיכטיק מיידל נישט געווען פֿעיִק צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן אַ וואָסער סע נישט איז מענטשן, וועלכער האָט אויסער איר אייגענער בת־יחידהשער נשמהלע געלעבט.

ליפּקיס האָט דאָס ערשט אין אַ צײַט אַרום אָנגעהויבן אַזוי גוט צו פֿאַרשטיין און האָט עס איר נאָך דעם אַפֿילו פֿאָרגעהאַלטן אין זײַנע פֿיל בריוו, וועלכע ער האָט איר נישט געשיקט.

„בכלל, האָט ער צו איר אין איינעם פֿון אָט די נישט אַוועקגעשיקטע בריוו געטענהט, צי האָט זי שוין געקענט נעמען צום עגאָיִסטישן הערצעלע אירן אַפֿילו די לאַגע פֿון איר אייגענעם אומגליק־צעטראָגענעם און שטאַרק געדרוקטן טאַטן, וואָס זי, די דערוואַקסענע, האָט זיך נישט געשעמט פֿאַר אַ פֿולער שטוב מענטשן אים צו נעמען קושן?”

◆ ◆ ◆

אָט איז מיט אַ טויב־שטילקייט פֿאַרגליווערט געוואָרן די מיטל־מעסיק קאַלטע לופֿט, און די ערשטע שנייען האָבן זיך אויסגעלייגט אויפֿן דערשלאָגענעם שטעטל און אויף דער אַרומיקער ווינטערדיק פּוסטער געגנט.

קיין מינוט האָט זי זיך שוין בײַם פֿאָטער אין שטוב נישט געקענט אײַנהאַלטן, אַרומגעבלאָנדזשעט אין משך פֿון גאַנצע קורצע טעג אויף די אַרומיקע פֿאַרבלאָזענע פֿעלדער און האָט דאָרטן אומעטום סימנים פֿון אירע מיט ליפּקיסעס טריט געלאָזט. מאָדנע האָבן זיי דענסטמאָל אויסגעזען, אין דער ווײַטער פֿאַרקילטער לופֿט, וואָס צווישן קויטיקע הימלען מיט שניי ווײַסער ערד, צוויי מענטשן, וואָס בלאָנקען אַזוי

שווײַגנדיק איבער אָט די הרחבֿהדיקע פֿעלדער אַרום און רעדן זעלטן איינער צום צווייטן. עס שווײַגן אַרום זיי מיט אַ שטילקייט פֿון אבֿלות, פֿון אַן איינזאַם פּויערים־שטיבל, וואָס אונטער אַ ווײַסן פֿאַרשאָטענעם דאַך, ביז אַ פֿאַרפֿרוירענעם טײַכל, וואָס ערגעץ אין אַ נאָענטן טאָל; דרימלען ערגעץ אין פֿאַרשידענע האָריזאָנט־ווינקלען יענע אָפּגעווײַסטע וועלדלעך, וועלכע האָבן זיך טיף־טיף אין שניי אײַנגעגראָבן, זעען אויס פֿון דאָרטן פֿרעמד און נײַ, און נאַרן דאָס אויג פֿון אַ מענטשן, וואָס טראָגט זיך דאָרטן זעלטן ווען אויף אַ לויפֿנדיקן שליטן אַדורך

„זע נאָר! ס'זאָל שוין זײַן די דעמבענע וועלדלעך, זאָל עס שוין זײַן?”

קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי זי איז דענסטמאָל מיט ליפּקיסן אויף „דו” געוואָרן און אים בײַ זײַן פּשוטן נאָמען רופֿן אָנגעהויבן.

„זי, מירל, האָט זי אים איין מאָל, אַרומשנאָרנדיק אויף אָט די פֿאַרבלאָזענע פֿעלדער, געזאָגט, זי הייבט אים, געוויינלעך, אַפֿילו נישט אָן צו ליב האָבן, נאָר צײַטנווײַז פֿילט זי זיך גלאַט אַזוי גוט, וואָס ער געפֿינט זיך לעבן איר, ער, ליפּקיס, פֿאַרשטייט עס, צי ניין?”

און צובײַסנדיק די אונטערשטע ליפּ, האָט זי אים באַלד גענומען שנעלן אין נאָז, כּדי ער זאָל עס פֿאַרשטיין, און אים געבראַכט דערצו, אַז זײַן פּנים האָט אָנגעהובן נאַריש צו שמייכלען.

בײַ איר אַליין האָט זיך שוין דענסטמאָל געהאַט געשטאַרקט דער טרויער, וואָס אין די בלויע אויגן, און מיט אַ מעלאַנכאָליש פֿײַערל האָט ער שוין פֿון צײַט צו צײַט פֿון דאָרטן אַרויסגעקוקט. פֿאַרקלערטערהייט האָט זי דענסטמאָל לאַנג־לאַנג אין דער האַלב נעפּלדיקער ווינטערווײַט אַרײַנגעקוקט און מאָדנע שאלות דערבײַ אויפֿגעגעבן:

„ליפּקיס, איר הערט, ווי די וועלט שווײַגט?”

ליפּקיס האָט געפֿילט, אַז ער באַדאַרף עפּעס וועגן אָט דער שטילער וועלט זאָגן, געמאַכט לאַנגע הכנות מיטן האַלדז און מיט די אַקסלען און צו לעצט אָנגעהויבן:

„יאָ, נישט קרום וואָלט געווען זיך אַזוי אין צווייען איבער אָט די פֿעלדער אַוועקלאָזן און זיך שוין מער צוריק נישט אומקערן”.

און זי האָט צו זײַנע ווערטער אַפֿילו נישט אָנגעהויבן זיך צוהערן, נאָך אַלץ געקוקט ערגעץ אַהין, אין דער האַלב נעפּלדיקער ווײַטקייט און זיך פֿאַרקלערטערהייט דאָס איריקע ווײַטער גערעדט:

„ער שטעלט זיך פֿאָר, ווי איר איז איצט אַלץ פֿרעמד און אַלץ איינס?”

און אין אַ ווײַלע אַרום ווידער וועגן דעם זעלבן:

„ווען מיט איר צוזאַמען קערט זיך איצט איבער אָט די

she continued to stare straight ahead into the partially blurred distance, musingly developing her own thoughts:

– Can he imagine how alien and insignificant everything now seems to her?

And a short while later, more of the same:

– If this entire frozen world were now to be overturned and she herself with it, she would not even utter a cry of fright.

But at other times she was possessed of a strange joy linked to a wild longing for life; on these occasions, nothing could persuade her to turn back home, and she went on at length about her father's creditors both local and distant who called on them daily at home, created an uproar, and banged on the table:

– They were so disgusting, these people… Her father was certainly to blame for having squandered their money, but this did not automatically give them the right to roam freely through their home shouting for help at the tops of their voices and accusing him of robbery so loudly that they could be heard ten streets away.

Once, on an ordinary misty day, from some neighboring shtetl an observant, scholarly, and extremely naïve young man, an unadventurous stay-at-home with a little black beard and a sickly, pale, and jaundiced complexion, came to their house. For a long time he sat without speaking in their dining room, waiting in a state of great shock. Several times their relative, the worldly and devoted cashier, told him and repeated loudly as though speaking to the deaf:

– Reb Gedalye is currently abroad, visiting his sister who owns her own village there; that's where he is now.

And the young man with the jaundiced complexion, still in a state of shock, continually kept on enquiring in his soft, hoarse, feeble voice:

– Does this mean that the money that Reb Gedalye owes me is lost? … Truly lost?

He appeared utterly despondent, this young man with the jaundiced complexion, and now, apparently, regarded it as impossible to return home and to go on living.

On that occasion Mirl ate no midday meal but spent an entire winter's day dragging about outside with Lipkis.

– He could well imagine with how much appetite she would now have eaten, she repeatedly remarked to Lipkis, – but that stunned young man was still sitting over there, in their house. He looked so very unhappy that she could not look at him.

She regularly sent Lipkis to check whether or not the young man had left, impatiently waited for his return not far from the house, and subsequently shouted at him from a distance:

– Well? What? Is he still sitting there?

Night fell, and lamps were lighted in the town's houses. Lamps were also lighted in their house, and at length, with her face red and frozen, she came indoors and, without taking off her winter outdoor garments, began comforting the young man with the jaundiced complexion:

– He could be certain: she would do everything in her power to ensure that his two thousand rubles were returned to him.

Afterwards she even accompanied him outside to his sleigh, expressed concern that his legs would be cold, and with her own hands assisted him to wrap them in hessian.

– He should tie this end of the sacking under himself… And he should have no shame in pulling up his fur collar… like that.

And for a long time afterwards she followed his sleigh with her eyes, completely forgetting about herself and her hunger:

– Did he have any conception of how unhappy this man was? she enquired pensively of Lipkis.

Lipkis was deeply troubled by the fact that during the course of this entire day he had not attended a single one of his lectures and felt decidedly odd, as though he were more strictly observant and had in the evening suddenly remembered that during the course of the day he had not once donned his prayer shawl and phylacteries. He was more than usually infuriated and embittered, was totally out of patience, and very nearly lost his temper over the thought:

– Would she ever go indoors or not?

And she still continued to gaze pensively in the direction in which the sleigh carrying the young man disappeared into the furthest end of the town, and was unable to forget his jaundiced complexion:

– He's so unhappy, she repeated quietly to herself. – Obviously no one has ever loved him, and now his small capital has been reduced by more than two thousand rubles. PT

*Joseph Sherman is the Woolf Corob Fellow in Yiddish Studies at Oxford University.*

גאַנצע פֿאַרפֿרוירענע װעלט, װאָלט זי אַפֿילו קײן געשרײ נישט געטאָן פֿון שרעק".

נאָר צײַטנװײַז האָבן זי װידער באַהערשט אַ מאָדנע שׂימחה מיט אַ װילדן חשק צו לעבן; דענסטמאָל האָט זי זיך בשום אופֿן נישט געװאָלט אומקערן אַהײם און געהאַלטן אין אײן דערצײלן װעגן דעם פֿאָטערס אָרטיקע און פֿרעמדע בעלי־חובֿות, װאָס קומען אַלע טאָג צו זײ אין שטוב, טומלען און אין טיש קלאַפּן:

„זײ זענען אַזעלכע עקלדיקע, אָט די ייִדן... דער טאַטע אירער איז געװיס שולדיק, װאָס ער האָט זײער געלט איבערגעפֿירט, אָבער פֿון דאַנען איז נאָך נישט געדרונגען, אַז זײ מעגן פֿראַנק און פֿרײַ בײַ זײ אין שטוב אַרומלויפֿן און שרײַען אויף אַזאַ קול: גװאַלד, ער ראַבעװעט! — אַז מ׳זאָל עס אין דער צענטער גאַס דערהערן".

אײן מאָל, אין אַ געװײנלעכן נעפּלדיקן טאָג, איז פֿון ערגעץ אַ נאָענט שטעטל צו זײ אין שטוב געקומען עפּעס אַ פֿרומער למדנישער און שטאַרק תּמעװאַטער יונגערמאַן, אַ שטובזיצער מיט אַ קלײן שװאַרץ בערדל און מיט אַ קרענקלעכן, בלאַסן און געלזיכטיקן פּנים. שװײַגנדיקערהײט איז ער לאַנג געזעסן בײַ זײ אין עסצימער, זיך געשראָקן און געװאַרט. דער װעלטלעכער און איבערגעגעבענער קאַסיר, דער קרובֿ, האָט עטלעכע מאָל פֿאַר אים אין דער הײך, װי פֿאַר אַ טױבן איבערגעחזרט:

„ר׳ גדליה זענען איצט אין אויסלאַנד, בײַ דער שװעסטער, װאָס האָט דאָרטן אַן אײגענעם דאָרף, זענען זײ איצט".

און דער יונגערמאַן מיטן געלזיכטיקן פּנים האָט זיך אַלץ פֿאַר עפּעס װי געשראָקן און זיך אַלץ נישט אויפֿגעהערט צו דערפֿרעגן אויף זײַן הײזעריק שטילן און שטאַרק שװאַכן קול:

„איז עס, הײסט דאָס, פֿאַרפֿאַלן דאָס געלט, װאָס מיר קומט בײַ ר׳ גדליהן?... טאַקע פֿאַרפֿאַלן?"...

ער האָט אַזאַ דערשלאָגענעם אויסזען געהאַט, אָט דער געלזיכטיקער יונגערמאַן, און שוין, אַפּנים, גערעכנט פֿאַר אוממעגלעך זיך אַהײם אומצוקערן און נאָך װײַטער צו לעבן אויף דער װעלט.

מירל האָט דענסטמאָל קײן מיטאָג נישט געגעסן און אַ גאַנצן װינטערדיקן טאָג זיך אין דרויסן מיט ליפּקיסן אַרומגעשלעפּט.

„ער שטעלט זיך פֿאָר, מיט אַ װאָסער געשמאַק זי װאָלט איצט געפֿרעסן, האָט זי אַלע מאָל צו ליפּקיסן געזאָגט, נאָר דאָרטן, בײַ זײ אין שטוב, זיצט נאָך אַלץ אָט דער איבערגעשראָקענער יונגערמאַן. ער האָט אַזאַ אומגליקלעכן פּנים, און זי קען אויף אים נישט קוקן".

אַלע מאָל האָט זי געשיקט ליפּקיסן אַ קוק טאָן, צי דער יונגערמאַן איז שוין אַװעקגעגאַנגען, געװאַרט אויף אים מיט אומגעדולד נישט װײַט פֿון דער שטוב און נאָך דעם געשריגן צו אים פֿון דער װײַט:

„נו, װאָס? ער זיצט נאָך?"

ס׳איז געװאָרן נאַכט, און לאָמפּן האָט מען אין די שטאָטהײַזער אָנגעצונדן. לאָמפּן האָט מען אויך אָנגעצונדן בײַ זײ אין שטוב, איז זי צו לעצט מיט אַ רויט פֿאַרקאָװעטן פּנים אינעװײניק אַרײַנגעקומען און, נישט אויסטוענדיק די װינטערדיקע קלײדער, גענומען דעם געלזיכטיקן יונגנמאַן טרײסטן:

„ער מעג זײַן זיכער: אַלץ װעט זי שוין טאָן, כּדי מ׳זאָל אים זײַנע צװײ טויזנט רובל אומקערן".

זי האָט אים נאָך דעם אַפֿילו אין דרויסן צו זײַן פֿור אַרויסבאַגלײט, געזאָרגט דערפֿאַר, װאָס אים װעט זײַן קאַלט אין די פֿיס. און האָט זײ אים אַלײן געהאָלפֿן אײַנדעקן אין דער רעדנע.

„אָט דעם עק רעדנע זאָל ער אונטער זיך אַרונטערנעמען... און דעם פֿוטערנעם קאָלנער זאָל ער זיך נישט שעמען אויפֿשטעלן... אָט אַזוי".

און נאָך דעם האָט זי נאָך לאַנג מיט די אויגן זײַן פֿור באַגלײט און אָן זיך מיט איר הונגער לחלוטין פֿאַרגעסן:

„ער האָט אַ באַגריף, װי אומגליקלעך אָט דער מענטש איז?" האָט זי פֿאַרקלערטערהײט בײַ ליפּקיסן געפֿרעגט.

ליפּקיס איז געװען שטאַרק צעטראָגן פֿון דעם, װאָס ער איז אין משך פֿון אָט דעם גאַנצן טאָג אַפֿילו אויף אײנער פֿון זײַנע לעקציעס נישט געװען, און זיך געפֿילט אַזוי מאָדנע, גלײַך װי ער װאָלט מער ייִד זײַן און װאָלט זיך פּלוצעם פֿאַר נאַכט דערמאָנען, אַז ער האָט בײַ טאָג קײן טלית און תּפֿילין נישט געלײגט. ער איז מער װי תּמיד אָנגעברוגזט און פֿאַרגיפֿטעט געװען, נישט געהאַט קײן געדולד און זיך שיִער נישט געעקט איבערן געדאַנק:

„זי װעט אַ מאָל אַרײַנגײן אין שטוב, צי נײן?"

און זי האָט נאָך אַלץ פֿאַרקלערטערהײט געקוקט אַהין, װוּ דער שליטן מיטן יונגנמאַן װערן אין עק שטאָט פֿאַרשװוּנדן, און אָן זײַן געלזיכטיקן פּנים נישט געקענט פֿאַרגעסן.

„ער איז אַזאַ אומגליקלעכער, האָט זי שטיל, װי פֿאַר זיך אַלײן, איבערגעחזרט, קײנער האָט אים געװיס קײן מאָל נישט ליב געהאַט, און איצט איז נאָך פֿון זײַן קלײנעם פֿאַרמעגן מער װי צװײ טויזנט רובל אַראָפּ".